# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 252 — פרייטאג, דעם 3 נאוועמבער 1933


## דאס „אפשפארונגס=יאהר"...



לאדזער „מאגנאט": די קולטורעלע וועלט האט די וואך געפייערט

דעם „אפשפארונגס=טאג", און איך פייער „אנ'אפשפארונגס-יאר"...



## פיניעלע מזיק
### גיט לשון



וואס זאגט עך גישט צום מאגיסטראט? צאפעס געזעהען, ווי זיי אבן צעטריבערט דעם קאליע גורטן? אז זיי אבן גיש וואס צו טון, די מאגיסטראטניקעס, ראסן זיי פלעטער!

אט איין מאגיסטראט גימאכט אנ'אזעלכע פלאץ איז געקומען דער „צווייטער" מאגיסטראט, ארפגעריסען דעם אזעלכעם פלאץ און גימאכט א גיפוירטען פלאט, איז וויזער געקומען דער בייער מאגיסטראט און גאנצען אוועקגעריסען דעם פלאט און העפקיר פיטערישקע.

צאך עפעס א פאציענטשע, ווי די מאגיסטראטניקעס אבן זיך גענומען צו פיצען ווילקע! פון שטארקס מאריק, ווי ס'איז אמאלט גישטאנען דער צוריק און סאבן זיך געהאשעט קאזעס, אבן זיי גימאכט א גאנצע בלימען-מענאזשעריע (געמיינט: אראנזשעריע). מיט בענק, מיט לאמפן — א גאנצען טרעיאטער אבן זיי גימאכט.

יעצט אבן זיי זיך גינומען צום קאליע-גורטן. א גאנצען צימעס מאכען זיי מיטן קאליע-גורטן.. פיש, פיש, וואס מ'מאכט אלין! קנאליזאציע, לעקטרע, ספעין (געמיינט: סקווערן). מ'האקט און מ'בראקט — ס'רוכעוועט זיך, ווי אין א האלך-קאמער.

כעב זענק פרעגען איין זאך: זאגט מיר, יאטען, אט עך גיזעהען, אז די מאגיסטראטניקעס זאל אנפאלן א קוק צו טון צום שמולן געסל? דעם גאנצען דאברי מאזל לייגן זיי אראן אין ווילקע, און ווער געט געלד? — אלך ס'שמולע געסל. ס'שמולע געסל געט געלד מ'זאל אויספיצן ווילקע — א גראנדע זאך אזוי לצבן!

## א קאפעלע פאליטיק
### בין מנחה למעריב

— דו האסט געהערט. מענדעל. אין מזרח-גאליציען קומען שוין ווידער פאר אוקראינישע אוואנטורעס.

— געה שוין געה, דאס זענען נישט קיין אריגינעלע אוקראינישע אוואנטורעס.

— נאר וואס איז עס?

— אנ'איבערזעצונג פון דער דייטשער שפראך.

— זאג מיר, נתן, אין דייטשלאנד איז אויך א קרידיס?

— ס'איז, נאר אין דייטשלאנד האט ער אנדערען נאמען.

— וואסער'ע נאמען?

— היטלער.

## דאנסקע קאזאקען אין לאדז
### זייער „אדסטופלעניע" איז „פילהארמאניע"

אין לאדזער „פילהא-מאניע" איז די טעג פאר געקומען א קאנצערט פון דאנער קאזאקען.

דער „קונדס" דערוויסט זיך די נעמען פון די קאזאקען און זייער אפשטאמונג.

איין קאזאק איז אנ'אויבס-הענדלער, טשרזשיק. ער האנדעלט מיט באניקעס אין טורקעסטאן.

דער צווייטער קאזאק הייסט דער „גומענער יאטעל", א משורר אין דער אלטשטעטישער שוהל.

דער דריטער קאזאק הייסט הילארי וועל כיל פי—בקעלשטיין. א מאן מיט פליישיגער שטים.

דער פירטער איז א קאזאק מיט'ן נאמען הערש לייזער העכט.

איצט צוויי בריוער קאזאצקע טענארען, — בראטשע גרינוואלד, זיי האנדלען מיט וואס ס'לאזט זיך.

איצט גייען צוויי קאנסטאנטינאפאלער קאזאקען. איינער רישט אויפ'ן באס און דער צווייטער באריטאן.

איין קאזאק איז א ספעציאליסט אויף מאכען „קל מלא רחמים'ס".

ספעציעל געלונגען האבען די עכטקאזאצקע נומערען: „אנקת מסלדך". „יקום פורקן", „עכטי אכטי וועטובוטע ובראכטע". דער עכטקאזאקישער נומער איז פיל מאל ביסירט געווארען.

די אנוועזענדע יורען האבען אויף די קאזאקען געוואלט מאכען א פאגראם. די קאזאקען זענען קוים מיט'ן לעבען אנטלאפען.

קאזאצקע אטאמאן איז דער בעקאנטער קאר זאק — לעווינזאן.

## דער האנדעלס=בילאנס?
### דער נאכט-סטרוזש און דער בעל-הבית

נאכט-סטרוזש (צום בעל-הבית): איך בין גרייט ביי אייך אבצונעהמען דעם פאסטען, נאר מיט דעם בעדינג, איהר זאלט מיר ווייזען אייער לעצטען האנדעלס-בילאנס.

— איהר זענט משוגע?

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת: די לעצטע צייט האב איך געהאט פיל בעלי-הבתים; אייבער איז געגאנגען פליטה באלד נאך די ערשטע 4 וואכען. דער צווייטער האט מיר געצאהלט פאנקס מיט וועקסלען, האב איך געמוזט בעצאהלען פראטעסט-קאסטען. דעם דריטען האט מען ס'הויז פערקויפט אויף א ליציטאציע, דער פירטער האט מיר געוואלט איינשליסען א טאכטער פאר א ווייב, נו, איהר פערשטעהט דאך, אז מ'קען נישט יעדען מאנטאג און דאנערשטאג טוישען די פאסטענס — א מענש האט דאך אמביציע!

## פונקט 9 חדשים
### ס'איז אלץ איז בעסטען ארדנונג

אוידעם (צום שווער): א סקאנדאל! שוין מוז איך מיך גט'ן מיט אייער טאכטער.

שווער: וואס איז אזוינס געשעהען?

איידעם: ערשט 3 חדשים נאך דער חתונה און אייער טאכטער ריכט זיך שוין אין קימפעט.

שווער: טא, וואס שרייסטו, וואס!? ס'איז דאך פולשטענדיג אין ארדנונג.

איידעם: ווי אזוי?

שווער: 3 חדשים לעבסט דו מיט דיין פרוי, 3 חדשים לעבט דיין פרוי מיט דיר, 3 חדשים לעבט איהר צוזאמען, איז צוזאמען 9 חדשים און איז עס נישט אין ארדנונג?

## רעצטע טעלעגראמען
### ספ. צום „קונדס"

בערלין. — אין גאנץ דייטשלאנד הערשט א שטארקע אויפלעבונג. אלע טעלעגראפען-סלופעס זענען פערנומען — אויף תליות.

גענף. — די שווייצארישע רעפובליק ציהט זיך צוריק פון פעלקער-בונד, ווייל די גאנצע בעפעלקערונג איז פערנומען מיט'ן מאכען לעכער אין שווייצער-קעז, און האבען דערייבער נישט קיין צייט אויף פאליטיק.

## ס'לייגט זיך איהם נישט אויפ'ן שכל

אין האלצענעם שטיבעל זיצט א יוד ביי א בלאט גמרא. פלוצלונג פאלט אריין זיין זוהנעלע און זאגט: טאטעשי, קום גיכער אהיים, די מאמעשי האט געבוירען א דרילינג.

— געה שוין געה, די נארעלע, וואס רעדסטו נארישקייטען?

— איך זאג דעם טאטעשי, אז א דרילינג.

— לויף גיכער אהיים, משה'לע, און זאג די מאמע, אז זי זאל נאך אמאל גענוי איבערצעהלען.

## לאדזער גבירים, מ'שטיינס געזאגט!
### אבי געפונען א תירוץ

גביר (צום ווייב): ווער איז דארט אין דער צווייטער שטוב?

ווייב: דער חזן איז געקומען, ער וויל דו זאלסט איהם ארויסהעלפען.

גביר: געה זאג איהם, אז איך קאן נישט זינגען.

## וואס איז דאס אזוינס איראניע?

קינד: טאטעשי, וואס איז דאס אזוינס איראניע?

פאטער: גאר פשוט: איראניע איז ווי למשל, ווען ביים עסען מיטאג קומט אריין דער סעקוועסטראטאר און ווינשט א „גוטען אפעטיט".

## א זעלטענער דאקטאר

— דו זעהסט, דער דאקטאר איגרעק איז דער איינציגער, וואס האט נישט קיין מענשליך לעבען אויף זיין געוויסען.

— וואסערע דאקטאר איז עס?

— דאקטאר פילאזאפיע.

